בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# זַיי קְלוּג, נִישְׁט גֶערֶעכְט

ווִי עֶס וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַבִּיסְל קְלוּג, אוּן עֶר נֶעמְט אָן דִי תְּמִימוּת'דִיגֶע עֵצוֹת פוּנֶעם צַדִּיק, לֶעבְּט עֶר זַייעֶר אַ גוּטֶע אוּן זִיסֶע לֶעבְּן, צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פָּארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"ש זי"ע

לֵיל שִׁשִּׁי כִּי תִשָּׂא תשע"ד

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# זַיי קְלוּג, נִישְׁט גֶערֶעכְט !

א.

מִיר גֶעפוּנֶען דִי וָואךְ אִין דִי סִדְרָה (שְׁמוֹת לא, יח): **וַיְהִי כְּכַלֹּתוֹ לְדַבֵּר אִתּוֹ וְגוֹ'** – וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְן בַּארְג סִינַי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט אִים גֶעלֶערְנְט דִי תּוֹרָה, קוֹדֶם הָאט עֶר דָאס גֶעהֶערְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן נָאכְדֶעם הָאט עֶר דָאס אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער (עַיֵּין בְּרַשִׁ"י שָׁם). שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר וָואסְפַארַא זְכוּת דָאס

אִיז: הֶערְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אִיבֶּערְ׳חַזֶרְ׳ן כַּבְיָכוֹל מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ״ם זָאגְט (הִלְכוֹת תְּשׁוּבָה פֶּרֶק ה, הֲלָכָה ב): יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען זַיין אַזַא צַדִיק וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ [נָאר אִין נְבוּאָה קֶען קֵיינֶער נִישְׁט זַיין אִין זַיין מַדְרֵיגָה (עַיֵין דְבָרִים לד, י; שׁוּלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רמ״ב סְעִיף לו)].

קוּמְט אוֹיס אַז יֶעדֶער אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דִי מַדְרֵגָה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה כַּבְיָכוֹל מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן יב): וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט אַ מַאֲמַר חַזַ״ל זָאל עֶר וִויסְן אַז דִי תַּנָאִים קִישְׁן זִיךְ מִיט אִים; חַזַ״ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי שְׁקָלִים ב, ה): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט עֶפֶּעס זָאל עֶר זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן כְּאִילוּ דֶער בַּעַל הַשְׁמוּעָה שְׁטֵייט פַאר אִים.

מֶען דֶערְצֵיילְט נָאךְ [1]אוֹיף אֵיינֶעם פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן חַתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס

---

[1] דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל ׳בְּאֵר מְנַחֵם׳ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פוּן קַאלוּב הָאט דָאס גֶעהֶערְט פוּן זַיין טַאטְן רֶבִּי אַבְרָהָם בְּרָאדִי זצ״ל, וָואס זַיין שְׁוֶוער דֶער גְרוֹיסֶער גָאוֹן רֶבִּי אַבְרָהָם

עֶר אִיז גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן זַיין רֶבִּי׳ן נָאכְדֶעם וָואס עֶס אִיז שׁוֹין דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען אַסַאךְ יָארְן וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט בַּיים ׳חַתַם סוֹפָר׳, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַ רָב אִין אַ גְרוֹיסֶע שְׁטָאט, וַוייט פוּן פְּרֶעשְׁבּוּרְג, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער ׳חַתַם סוֹפָר׳ הָאט אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד, אוּן אִים צוּגֶעגְרֵייט דִי בֶּעט צוּם שְׁלָאפְן אִין דִי ׳גֶעסְט צִימֶער׳ וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט סְפֶּעצְיֶעל פַאר גֶעסְט.

בַּיינַאכְט הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁלָאפְן וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער ׳חַתַם סוֹפָר׳ אִיז אַרַיין אִין זַיין סְפָרִים צִימֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶערְנֶעבְן, אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע זִיסְן קוֹל, הָאט דֶער רָב גֶעוָואלְט אֵיינְמָאל צוּקוּקְן וִוי אַזוֹי דֶער הֵיילִיגֶער ׳חַתַם סוֹפָר׳ לֶערְנְט, בַּיי זַיין צִימֶער אוֹיבְן אִיז גֶעוֶוען אַ פֶּענְסְטֶער וָואס פוּן דָארְט הָאט מֶען גֶעקֶענְט אַרַיינְזֶעהְן צוּ דִי סְפָרִים שְׁטוּב וואוּ דֶער ׳חַתַם סוֹפָר׳ הָאט גֶעלֶערְנְט, אָבֶּער עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר הוֹיעֶךְ, הָאט עֶר אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אַ בֶּענְקְל אוֹיפְן טִישׁ

---

יִצְחָק וַויינְבֶּערְגֶער אֲבַ״ד קְלֵיינְוַוארְדַיין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דָאס בַּייגֶעוואוֹינְט אוּן עֶר הָאט אִים דָאס פַארְצֵיילְט.

און אַזוֹי אִיז עֶר אַרוֹיפְּגֶעקְרָאכְן, זֶעהְט עֶר וִוי דֶער הֵיילִיגֶער ׳חַתַם סוֹפָר׳ זִיצְט בַּיי דִי גְמָרָא, און עֶר זָאגְט: אָמַר אַבַּיֵי, אֵיינְמָאל און נָאכְאַמָאל צְוֶועלֶעף מָאל, און וֶוען עֶר זָאגְט דָאס דִי דְרַייצֶענְטֶער מָאל אִיז גֶעוָוארְן דָארְט אַזַא לֶעכְט, אַז פוּן גְרוֹיס פַּחַד און שְׁרֶעק אִיז עֶר אַרָאפּ גֶעפַאלְן פוּנֶעם בֶּענְקֶל און זִיךְ גוּט צוּהַאקְט, [דֶער ׳חַתַם סוֹפָר׳ הָאט דָאס נִישְׁט גֶעהֶערְט], און עֶס הָאט אִים גֶענוּמֶען אַסַאךְ וָואכְן בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט צוּרִיק אוֹיסְגְלַייכְן גֶעהֶערִיג דִי בֵּיינֶער.

קוּמְט אוֹיס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה אוֹיף אַזַא וֶועג, און שְׁטֶענְדִיג מָשָׁלְ׳ט עֶר זִיךְ אוֹיס און טְרַאכְט, אַז דֶער צַדִיק אָדֶער דֶער תַּנָא וְכוּ׳ שְׁטֵייט דָא נֶעבְּן אִים, און לֶערְנְט דָאס יֶעצְט מִיט אִים פְּרִישׁ, שְׁפִּירְט עֶר אַ מוֹרָא׳דִיגֶע חַיוּת אִין זַיין לֶערְנֶען. מִמֵילָא וֶוען מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ וואוּ מֶען דֶערְמַאנְט שְׁטֶענְדִיג דֶעם בַּאשֶׁעפֶערְ׳ס נָאמֶען: וַיֹאמֶר הֲוָיָ״ה אֶל מֹשֶׁה, וַיְדַבֵּר הֲוָיָ״ה אֶל מֹשֶׁה, וְכוּ׳. אִיז דָאךְ דָאס דֶער גְרֶעסְטֶער תַּעֲנוּג און פַארְגֶענִיגְן

וָואס קֶען נָאר זַיין, מֶען לֶערְנְט שְׁטֶענְדִיג מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין, ווארויל אִיז אוּנְז ! אוּן ווארויל אִיז אוּנְזֶער חֵלֶק ! ! !

ב.

יֶעצְט זָאלְן מִיר זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן וָואס עֶס גֶעשֶׁעהְט וֶוען אַ מֶענְטְש דַאוֶוענְט יֶעדְן טָאג אוּן עֶר הַאלְט אִין אֵיין דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס נָאמֶען - הֲוָיָ"ה, בַּיי יֶעדֶע 'בְּרָכָה' אוּן בַּיי יֶעדֶע 'מִזְמוֹר תְּהִלִים' וָואס עֶר זָאגְט בַּיים דַאוֶוענֶען. אוּן וֶוען אַ מֶענְטְש זָאל נָאר קוּקְן אוֹיפְן שֵׁם הֲוָיָ"ה, אוּן פָּשׁוּט טְרַאכְטְן: צוּ וֶועם רֶעד אִיךְ? אִיךְ רֶעדְט דָאךְ צוּם בַּאשֶׁעפֶער! דָאס אַלֵיין גֶעט דָאךְ אַרַיין אִין אִים אַזַא מִין חַיוֹת: וָואס הֵייסְט, מֶען גֶעט אוּנְז אַ גֶעלֶעגֶענְהֵייט - נִישְׁט מֶער אוּן נִישְׁט וֵוייניגֶער - נָאר צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין.

מֶען דֶערְצֵיילְט (עַיֵין מְאוֹר וָשֶׁמֶשׁ פַּרְשַׁת עֵקֶב, דִבּוּר הַמַתְחִיל: הֵן לַה'), אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעוָואלְט דַאוֶוענֶען נָאר אִין אַ סִידוּר פוּן כִּתְבֵי הָאֲרִ"י. זַיין הֵיילִיגֶער זוּהְן רֶבִּי אֶלְעָזָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ,

הָאט אִים אַמָאל גֶעפְרֶעגְט: טַאטֶע! דוּ הָאסְט אִינְזִין דִי זַאכְן וָואס עֶס שְׁטֵייט דָארְט[2]? הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: מַיין קִינְד! זָאלְסְט ווִיסְן אַזוֹי: דִי כַּוָונוֹת דַארְפְן אַלֵיין אַרַיינְקוּמֶען אִין קָאפּ, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ קוּקְן אִין סִידוּר[3], נָאר אִיךְ נוּץ דִי סִדוּרִים וַוייל נָאר דָא שְׁטֵייט אַרוֹיסְגֶעשְׁרִיבְּן דֶעם שֵׁם הֲוָיָ"ה[4]. אוּן פוּן דֶעמָאלְטְס אָן, הָאט מֶען שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דְרוּקְן אוֹיךְ אַנְדֶערֶע סִדוּרִים מִיטְן שֵׁם הֲוָיָ"ה אַרוֹיסְגֶעשְׁרִיבְּן[5].

דֶערְפַאר אַז מֶען דַאוֶוענְט אִין אַ סִידוּר וָואס עֶס הָאט דִי שֵׁם יהו"ה אוּן מֶען קוּקְט אוֹיף דֶעם, אוּן מֶען הָאט אִינְזִין אַז כַּבְיָכוֹל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן אִיךְ

---

[2] מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א הָאט צוּגֶעלֵייגְט: צוּ פְרֶעגְן אַזַא זַאךְ דֶעם טַאטְן, אִיז אַ גֶעוַואגְטֶע זַאךְ.

[3] אִין דִי הַנְהָגוֹת פוּן צֶעטְל קָטָן (הַנְהָגוֹת הָאָדָם, סְעִיף ה), זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֶלִימֶלֶךְ: צוּמָאל זָאל מֶען לֶערְנֶען אַבִּיסְל מִיט אַ אֵימָה וְיִרְאָה וְכוּ' אִין דִי כִּתְבֵי אֲרִ"י. דָאס הֵייסְט, אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען זָאל לֶערְנֶען בְּרַבִּים, נָאר יֶעדֶער מֶענְטְשׁ לֶערְנְט דָאס פַאר זִיךְ, אַזוֹי ווִי חַזַ"ל זָאגְן (חֲגִיגָה י"א ע"ב): **וְלֹא בְּמַעֲשֶׂה מֶרְכָּבָה בְּיָחִיד.**

[4] בַּיי אַלֶע גֶעוֶוענְטְלִיכֶע סִדוּרִים פְלֶעגְט נָאר שְׁטֵיין צְוֵויי יוּדְן [יְיָ] אַקֶעגְן דֶעם עֶרְשְׁטְן י' פוּן **שֵׁם** י'הו"ה אוּן דֶעם לֶעצְטְן י' פוּן **שֵׁם אדנ"י** (עַיֵין תִּיקוּנֵי זֹהַר, הַקְדָמָה דַף ב), וָואס אִיז נִישְׁט קַיין שֵׁם קוֹדֶשׁ, צוּלִיבּ מוֹרָא אוֹיף 'מְחִיקַת הַשֵּׁם' אָדֶער אַז עֶס וֶועט אַרָאפְּפַאלְן.

[5] ווִי בַּאווּאוּסְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעדַאוֶוענְט אִין בַּארְדִיטְשׁוּבֶער סִידוּר 'כֶּתֶר נְהוֹרָא', אוֹיךְ צוּלִיבּ דֶעם טַעַם.

רֶעדְט צוּ אִים, אוּן עֶר רֶעדְט צוּ מִיר, אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מְתִיקוּת אוּן זִיסְקֵייט פוּן דֶעם, אַזוֹי וְוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן נ): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ רֵיינֶעם מֹחַ, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט פָּגוּם אִין 'פְּגַם הַבְּרִית' אִיז דָאס דַאוֶוענֶען בַּיי אִים 'מַיִן מְתוּקִין' – פַיינֶע זִיסֶע קְוַואל וַואסֶער; עֶס אִיז בַּיי אִים אַזוֹי וְוי דִי זִיסְטֶע אוּן גֶעשְׁמַאקְסְטֶע זַאךְ, פּוּנְקְט אַזוֹי וְוי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ עֶסְט אַ גוּטֶע פְרִישֶׁע בֵּייגְל אָדֶער אַ גוּט שְׁטִיקְל קְעֶיק אוּן דָאס גְלַייכְן, אִיז עֶר זִיךְ מְחַיֶה אוּן עֶר הָאט הַנָאָה, אַזוֹי אִיז דָאס בַּיי אִים וֶוען עֶר רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, עֶר פִילְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע זִיסְקֵייט; אָבֶער אוֹיבּ חָלִילָה וְחַס אֵיינֶער אִיז נֶעבֶּעךְ 'פָּגוּם', קוּמְט אִים אָן דִי גַאנְצֶע דַאוֶוענֶען מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע בִּיטֶערְנִישׁ אוּן שְׁוֶועריקֵייט, עֶר כִיפֶּערְט אָפּ אוּן עֶר וִויל שׁוֹין פָּטוּר וֶוערְן דֶערְפוּן.

ג.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן וָואס מֵיינְט לֶערְנֶען גְמָרָא, וָואלְט עֶר נִישְׁט פַארְפֶּעלְט קַיין אֵיין טָאג

צוּ לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא״, זָאגְט אָבֶער דֶער מֶענְטְשׁ גְלַייךְ: אִיךְ הָאבּ אַ שְׁוַואכֶע קָאפּ! אִיךְ הָאבּ יֶעצְט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד! אִיךְ הָאבּ יֶעצְט נִישְׁט גֶעהֶערִיג קַיין צַייט! אִיךְ בִּין יֶעצְט נִישְׁט דֶערְבַּיי! אֵיי וֶוען וֶועסְטוּ יָא הַאלְטְן דֶערְבַּיי?! דֶער תַּנָא זָאגְט (אָבוֹת ב, ד): **אַל תֹּאמַר לִכְשֶׁאֶפְּנֶה אֶשְׁנֶה, שֶׁמָּה לֹא תִפָּנֶה** - דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זָאגְן, וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן פְרַייעֶ צַייט דֶעמָאלְטְס וֶועסְטוּ לֶערְנֶען, וַוייל אֶפְשָׁר וֶועסְטוּ נָאכְדֶעם שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן קַיין צַייט. זָאגְט מֶען נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן קָאצְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ [אוּן פוּן נָאךְ צַדִיקִים], אַז דִי כַּוָונָה פוּן ״**שֶׁמָּה לֹא תִפָּנֶה**״ אִיז: אֶפְשָׁר בִּיסְטוּ אַזַא מִין מֶענְטְשׁ וָואס אַ גַאנְץ לֶעבְּן וֶועסְטוּ נֶעבֶּעךְ זַיין פַארְיָאגְט, אוּן קֵיינְמָאל וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין צַייט; אוֹיבּ אַזוֹי אוֹיף וֶוען וַוארְטְסְטוּ?!

וֶועגְן דֶעם אַז מֶען הָאט שֵׂכֶל אוּן מֶען פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו, וּבְקוּנְטְרֵס 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימּוּד'), וֵוייסְט מֶען אַז ״מֶען קֶען דוּרְךְ 'זָאגְן' דֶעם **דַף גְמָרָא**״, וָואס דָאס נֶעמְט נִישְׁט מֶער וִוי פוּנֶעף-צֶען

מִינוּט[6], אוּן דָאס דַארְף אַ מֶענְטְשׁ גוּט וִויסְן: ״כָּל זְמַן אִיךְ בְּלֶעטֶער דִי גְמָרָא, וֶועל אִיךְ בְּלַייבְּן אַ אִיד, אָבֶּער חָלִילָה וְחַס אַז אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעהֶערְט בְּלֶעטֶערְן דִי גְמָרָא אִיז זַייעֶר בִּיטֶער״. אַזוֹי וִוי חַזַ״ל זָאגְן (עַיֵין רַשִׁ״י דְבָרִים יא, יג): אִם תַּעַזְבֵנִי יוֹם, יוֹמַיִם אֶעֶזְבֶךָּ; דָאס הֵייסְט, וֶוען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן שְׁטֵייעֶן אוֹיף אֵיין פְּלַאץ, דֶערְנָאךְ גֵייט יֶעדֶער אַוֶועק פוּנֶעם אַנְדֶערְן אַ וֶועג פוּן אֵיין טָאג, זֶענֶען זֵיי שׁוֹין וַוייט אֵיינֶער פוּנֶעם אַנְדֶערְן צְוֵויי טֶעג, אוּן אַזוֹי יֶעדֶעס מָאל טָאפֶּעלְט זִיךְ עֶס. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אַז מֶען לָאזְט אָפּ דִי

[6] אוּן דָאס הָאט שׁוֹין אִין זִיךְ מוֹרָא׳דִיגֶע גְרוֹיסֶע מַעֲלוֹת אוּן סְגוּלוֹת אֵיינְס: מֶען וֶוערְט גֶעוָוואר אַז מֶען הָאט נִישְׁט אַזַא שְׁוַואכְן קָאפּ וִוי מֶען הָאט גֶעמֵיינְט. צְוֵויי: מֶען זָאגְט ׳שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים׳, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט מֶען זָאל זָאגְן נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים (סֵפֶר הַמִּדוֹת אוֹת צַדִיק, סְעִיף יט), אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם חֵלֶק ב, סְעִיף כ), אַז דָאס אִיז אַ סְגוּלָה צוּ מַאכְן נִסִים שֶׁלֹא כְּדֶרֶךְ הַטֶבַע. דְרֵיי: עֶס מַאכְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מַאֲמָרֵי חַזַ״ל וָואס בְּלַייבְּן יָא אִין קָאפּ. פִיר: דֶער מְצִיאוּת אִיז אַז אוֹיבּ מֶען זָאגְט שְׁטֶענְדִיג גְמָרָא, פְּלוּצְלִינְג טְרֶעפְט מֶען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע גְמָרָא, גֶעבְּט מֶען שׁוֹין אַ בְּלִיק אַרַיין, וָואס זָאגְט רַשִׁ״י אוֹיף דֶעם? אוּן אַז מֶען הָאט שׁוֹין גֶעזֶעהְן דִי רַשִׁ״י, וֶוערְט מֶען נַייגֶערִיג: וָואס זָאגְט תּוֹסְפוֹת אוֹיף דֶעם? אוּן אַז עֶר זֶעהט אַז עֶס אִיז אַזַא זִיס שְׁטִיקְל גְמָרָא, שְׁטַארְקְט זִיךְ שׁוֹין צוּמָאל זַיין נַייגֶער נָאכְמֶער, אוּן עֶר טְרַאכְט: אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ אַ קוּק גֶעבְּן אִין דִי מְפָרְשִׁים?! [בִּפְרַט לֶעצְטֶענְס וָואס מֶען הָאט שׁוֹין גֶעדְרוּקְט עֶטְלִיכֶע מוֹרָא׳דִיגֶע גְרִינְגֶע פֵּירוּשִׁים (לְמָשָׁל: מְתִיבְתָּא, חַבְרוּתָא, אַרְטְסְקְרוֹל, וְשִׁנַנְתָּם, וְעוֹד), וואוּ עֶס וֶוערְט אַזוֹי גוּט אַרָאפּ גֶעלֵייגְט אַ שְׁטִיקְל גְמָרָא אַז עֶס לֶערְנְט זִיךְ פוּן זִיךְ אַלֵיין], אָבֶּער וִוי אַזוֹי עֶס זָאל נָאר זַיין דַארְף מֶען יֶעדְן טָאג דוּרְךְ זָאגְן אַ בְּלַאט גְמָרָא !

תּוֹרָה אַפִילוּ נָאר אֵיין טָאג, גֵייט דִי תּוֹרָה אוֹיךְ אַוֶועק פוּנֶעם מֶענְטְש, און מֶען אִיז שׁוֹין וַוייט פוּן דִי תּוֹרָה צְוֵויי טֶעג.

דֶערְפַאר אַז מֶען מַאכְט אוֹיף ׳יֶעדְן טָאג׳ דִי גְמָרָא[7], און מֶען זָאגְט פוּן אָנְהֵייבּ מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אִין דִי רַייעֶ אֵיין **דַף גְמָרָא** [8]מִיט אַן עַקְשָׁנוּת, וֶועט מֶען בַּאוַוייזְן בַּיים סוֹף צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ״ס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס הִילְף, וַוייל דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט אִין הִימְל, און נָאר פַאר הִימְל מֶענְטְשְׁן וְכוּ׳, נָאר עֶס אִיז דָא אוּנְטְן אוֹיף דֶער עֶרְד, און יֶעדֶער וָואס וִויל קֶען זוֹכֶה זַיין דֶערְצוּ (דְבָרִים ל, יב)

ד.

עֶס אִיז אָבֶּער דָא אַ גְרוֹיסֶער ׳יֵצֶר הָרַע׳ וָואס שְׁטוּפְּט שְׁטֶענְדִיג אָפּ אוֹיף מָארְגְן: אִיךְ וֶועל לֶערְנֶען מָארְגְן! כַאפְּסְט נִישְׁט אַז מָארְגְן וֶועסְטוּ זָאגְן: אִיבֶּער מָארְגְן! און

[7] מֶען נֶעמְט אַרוֹיס פוּנֶעם סְפָרִים שַׁאפֶע אָדֶער ׳טְשֵׁיינִיק קְלַאזֶעט׳ דֶעם שֵׁיינֶעם שַׁ״ס גְמָרָא [גֶעבִּינְדְן אִין לֶעדֶער וְכוּ׳], וָואס מֶען הָאט דָאס בַּאקוּמֶען אַלְץ חָתָן פַאר אַ מַתָּנָה, און מֶען נוּצְט דָאס בָּרוּךְ הַשֵּׁם יֶעדְן טָאג.

[8] און אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט מֶען אִיז זוֹכֶה קֶען מֶען זָאגְן אַפִילוּ צְוֵויי דְרֵיי בְּלֶעטֶער און נָאכְמֶער.

אַזוֹי וַוייטֶער יֶעדְן טָאג. עֶס שְׁטֵייט בַּיי דִי מִלְחָמָה פוּן עֲמָלֵק (שְׁמוֹת יז, ט): **צֵא וְהִלָּחֵם בַּעֲמָלֵק מָחָר**; הָאבְּן צַדִיקִים גֶעטַייטְשְׁט: דוּ זָאלְסְט גֵיין מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט דֶעם עֲמָלֵק וָואס עֶר זָאגְט שְׁטֶענְדִיג "מָארְגְן". אַ אִיד דַארְף וִויסְן: עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין מָארְגְן! אִיךְ הָאבּ נָאר "הַיינְט"! אוּן אַז מֶען הָאט 'הַיינְט' גֶעזָאגְט אַ דַף גְמָרָא, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז 'מָארְגְן' וֶועט מֶען זִיכֶער וַוייטֶער אַרוֹיס נֶעמֶען דִי גְמָרָא, אוּן אַזוֹי טָאג נָאךְ טָאג בִּיז מֶען וֶועט צוּבִּיסְלֶעךְ עֶנְדִיגְן אֵיין מַסֶכְתָּא נָאכְן אַנְדֶערְן.

אוּן דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הִתְחַזְקוּת פַאר אַ מֶענְטְשׁ: אַזָא פַארְגְרֶעבְּטֶער מֶענְטְשׁ וִוי אִיךְ! אַזַא עַם-הָאָרֶץ וִוי אִיךְ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועג דוּרְכְצוּגֵיין גַאנְץ שַׁ"ס!!! אוּן מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן אוּן זִיךְ צוּטוּהְן מַאכְן פוּן אַלֶע וָואס לָאכְן אוּן שְׁפֶּעטְן פוּן דֶעם, וַוייל וָואס הָאסְטוּ מִיט יֶענֶעם?! דָאס אִיז 'דַיין' גְמָרָא, 'דַיין' הַצְלָחָה, אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט! דֶערְפַאר דַארְפְסְטוּ זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק.

## ה.

אָבֶּער זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אַלֶע זַאכְן דַארְף מֶען הָאבְּן אַ מוֹרָא׳דִיגְן תְּמִימוּת, דֶערְפַאר אִיז דֶער גַאנְצֶע ׳חָכְמָה׳ פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן נָאר ״תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת״, אָבֶּער אִין דִי תְּמִימוּת לִיגְט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע טִיפֶע חָכְמָה: **עָמוֹק עָמוֹק מִי יִמְצָאֶנּוּ!** (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן תיג, תקצג, וְעוֹד). דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן טו): **עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע ׳חָכְמָה׳ זִיךְ צוּ מַאכְן אַזוֹי וְוי אַ ׳בְּהֵמָה׳**[9]; וַוייל דִי גְרֶעסְטֶע חָכְמָה אִיז אַוֶועק צוּלֵייגְן דֶעם שֵׂכֶל אוּן זִיךְ פִירְן **בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.**

צוּם בַּיישְׁפִּיל, דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן ״רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער״, לִיגְט אִין דֶעם אַ מוֹרָא׳דִיגֶע חָכְמָה, אָבֶּער מֶען מוּז צוּ דֶעם אַוֶועקְלֵייגְן דֶעם שֵׂכֶל אוּן דָאס טוּהְן פָּשׁוּט אוּן פְּרָאסְט, וָואס דוּרְכְדֶעם וֶועט מֶען זֶעהְן גְרוֹיסֶע

---

[9] דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק (שְׁמוֹת לו, א): **כֹּל אֲשֶׁר נָתַן ה׳ ׳חָכְמָה׳ ׳בְּהֵמָה׳.** אוּן אַזוֹי וְוי דִי גְמָרָא זָאגְט (חוּלִין ה׳ ע״ב), אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים לו, ז): **׳אָדָם׳ וּ׳בְהֵמָה׳ תּוֹשִׁיעַ ה׳** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט דִי מֶענְטְשְׁן וָואס כָאטְשִׁיג זַיי זֶענֶען זַייעֶר קְלוּג, דָאךְ מַאכְן זַיי זִיךְ אַזוֹי וְוי אַ בְּהֵמָה. אוּן אַזוֹי וְוי אָסָף הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם עג, כב): **וַאֲנִי בַעַר וְכוּ׳, ׳בְּהֵמוֹת׳ הָיִיתִי עִמָּךְ.**

נִיסִים. אַזוֹי ווי חַזַ"ל זָאגְן (תַּעֲנִית כ"ה ע"א) **רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא** הָאט בַּאווִיזְן אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים, אַלֶעס אַ דַאנְק 'תְּפִילָה' – אַז עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ. דֶערְצֵיילְט דָארְט דִי גְמָרָא, אַז אֵיינְמָאל אִיז צוּ אִים גֶעקוּמֶען אַ פְרוֹי אוּן זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, פְּרֶעגְט עֶר אִיר: פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ? זָאגְט זִי: אִיךְ הָאבּ גֶעבּוֹיעֶט אַ הוֹיז, אוּן דִי בְּרֶעטֶער פוּנֶעם דַאךְ אִיז צוּ קוּרְץ, אוּן עֶס קוּמְט נִישְׁט אָן בִּיזְן עֶק, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט דָאס יֶעצְט אִיבֶּערְצוּמַאכְן, אוּן עֶס קֶען אַרַיין רֶעגְעֶנֶען... הָאט עֶר מִתְפַּלֵל גֶעוֶועזְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!** הֶעלְף אַז דִי דַאךְ פוּן דִי אָרֶעמֶע פְרוֹי זָאל זִיךְ אוֹיסְצִיעֶן. אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶועזְן, עֶס הָאט זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ צִיה אוֹיס דוּרְךְ זַיין תְּפִלָּה; פִירְט דִי גְמָרָא אוֹיס, אַז דֶער 'תַּנָא' פְּלֵימוּ הָאט גֶעזָאגְט: עֶר אַלֵיין הָאט גֶעזֶעהְן דִי דַאךְ וָואס רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא הָאט גֶע'פּוֹעֶלְ'ט אוּן דָאס אוֹיסְגֶעצוֹיגְן מִיט תְּפִלָּה.

דֶער זֶעלְבֶּער **רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא** זָאגְט (אָבוֹת ג, ט): **כֹּל שֶׁמַּעֲשָׂיו מְרֻבִּין מֵחָכְמָתוֹ חָכְמָתוֹ מִתְקַיֶּמֶת, וְכֹל שֶׁחָכְמָתוֹ**

מְרֻבִּין מִמַּעֲשָׂיו אֵין חָכְמָתוֹ מִתְקַיֶּמֶת; וַוייל דֶער עִיקָר דַארְף אַ מֶענְטְש זֶעהְן צוּ טוּהְן ווִי מֶער מִצְווֹת מַעֲשִׂיוֹת, וָואס דָאס בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְש גֵייט סְתָּם מִיט חָכְמוֹת, הָאט עֶר גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן, אוּן עֶר בְּלַייבְּט מִיט גָארְנִישְׁט. צוּם בַּיישְׁפִּיל: אַז אַ מֶענְטְש וֶועט אַרוּמְגֵיין מִיט אַ מוֹרָא'דִיגְן דְבֵיקוּת אַ גַאנְצְן טָאג, אָבֶּער עֶר וֶועט נִישְׁט לֵייגְן קַיין תְּפִילִין, וַוייל עֶר מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן: דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן תְּפִילִין אִיז דָאךְ צוּ זַיין דָבוּק אִין בַּאשֶׁעפֶער (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לה), אִיךְ בִּין דָאךְ דָבוּק אִין בַּאשֶׁעפֶער, אוֹיב אַזוֹי פַארְוָואס דַארְף אִיךְ לֵייגְן תְּפִלִין? לְמַעֲשֶׂה לָאזְט עֶר זִיךְ אָבֶּער גוּט נַארְן, וַוייל אַפִילוּ אַז אַ פָּשׁוּטֶ'ער מֶענְטְש לֵייגְט תְּפִילִין הָאט עֶר מְקַיֵים גֶעוֶוען דִי מִצְוָה פוּן תְּפִילִין, אוּן עֶר מִיט זַיין גְרוֹיס חָכְמָה הָאט 'נִישְׁט' גֶעלֵייגְט קַיין תְּפִלִין, אוּן עֶר אִיז רַחְמָנָא לִצְלָן אַ קַרְקַפְתָּא דְלֹא מָנַח תְּפִילִין!

אָבֶּער אַז מֶען טוּט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מֶען דַארְף טוּהְן אָן קַיין חָכְמוֹת, בְּרֶענְגְט מֶען דוּרְכְדֶעם אַרַיין דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אִין זִיךְ, אוּן מֶען וֶוערְט שׁוֹין מְמֵילָא

צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם בַּאשֶׁעפֶער. וַוייל מִיט יֶעדֶע זַאךְ קֶען מֶען זִיךְ נַארְן אַפִילוּ מִיט דְבֵיקוּת !

דֶער בַּעַל-שֵׁם-הַקָדוֹשׁ הָאט אוֹיסְגֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִים לב, ב): 'אַשְׁרֵי אָדָם לֹא יַחְשֹׁב הֲוָיָ"ה' - וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הַאלְט שׁוֹין בַּיי אַזַא מַדְרֵיגָה, אַז אוֹיבּ עֶר טְרַאכְט נִישְׁט אֵיין מִינוּט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר פַארְגֶעסְט פוּנֶעם שִׁוִּיתִי 'הֲוָיָ"ה' לְנֶגְדִי תָּמִיד, 'לוֹ עָוֹן' - דָאס אִיז זַיין גְרֶעסְטֶע עֲבֵירָה. הָאבּ אִיךְ צוּגֶעלֵייגְט לוֹיט דֶעם, דִי סוֹף פוּנֶעם פָּסוּק: 'וְאֵין בְּרוּחוֹ רְמִיָּה' - דָאךְ דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען נִישְׁט זִיךְ צוּ לָאזְן נַארְן; אַמָאל רֶעדְט זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אַיין אַז עֶר גֵייט שׁוֹין אַרוּם מִיט אַ דְבֵיקוּת וְכוּ', אוּן לְמַעֲשֶׂה נַארְט עֶר זִיךְ נָאךְ.

אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט דִי מִצְוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן טוּהְן [מִצְוֹת מַעֲשִׂיוֹת], אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ בַּיי דֶעם זִיךְ צוּ לָאזְן נַארְן, וַוייל אָדֶער עֶר טוּט דָאס אָדֶער נִישְׁט, לְמָשָׁל אַז עֶר לֵייגְט כָּשֵׁר'ע תְּפִלִין, עֶר גֵייט מִיט צִיצִית בַּיי דִי פִיר כַּנְפוֹת אוּן מִיט אַכְט פֶעדֶעמֶער אַזוֹי וִוי דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעהֵייסְן, עֶר זִיצְט אִין דִי

סוּכָּה, עֶר נֶעמְט דִי ד׳ מִינִים: אֶתְרוֹג לוּלָב הֲדַסִים עֲרָבוֹת, עֶר הִיט שַׁבָּת, אוּן אַזוֹי בַּיי אַלֶע אַנְדֶערֶע מִצְוֹת, כָאטְשׁ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי טַעַם פַארְוָואס מֶען דַארְף דָאס טוּהְן פוּנְקְטְלִיךְ אַזוֹי, דָאךְ טוּט עֶר דָאס וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן, דֶעמָאלְטְס וֶועט זַיין חָכְמָה בְּלַייבְּן אוּן עֶר וֶועט אוֹיךְ קֶענֶען זַיין דָבוּק אִין בַּאשֶׁעפֶער.

וִוי בַּאוואוּסְט וֶוערְט ׳תְּפִלָּה׳ אוֹיךְ אָנְגֶערוּפְן ׳מַעֲשֶׂה׳, אַזוֹי וִוי צַדִיקִים הָאבְּן גֶעטַייטְשְׁט (עַיֵין אִגֶּרֶת הַקוֹדֶשׁ סִימָן כט), דָאס וָואס חַזַ״ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין סה ע״ב): עֲקִימַת שְׂפָתַיִם הַוָה מַעֲשֶׂה - מִיט דֶעם וָואס מֶען מַאכְט מִיט דִי לִיפְּן אוּן מֶען בֶּעט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר! דָאס אַלֵיין אִיז אַ ׳מַעֲשֶׂה׳; אוּן יֶעדֶעס וָוארְט מֶער וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז מִתְפַּלֵל, טוּט עֶר אַ פְרִישֶׁע מַעֲשֶׂה אוּן אַ פְרִישֶׁע מִצְוָה.

ו.

דֶערְפַאר אִיז ״רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ״! אוּן אוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער וֶועסְטוּ רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה! אוּן אַז אֵיינֶער לַאכְט אוּן מַאכְט לֵיצָנוּת

דֶערְפוּן: קוּק ! עֶר רֶעדְט צוּם וַואנְט וְכוּ׳. וֶועסְטוּ בַּאלְד הֶערְן וָואסְפַּארַא נִיבּוּל פֶּה עֶר רֶעדְט רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדוֹת, אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן א): וֶוער עֶס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה רַחְמָנָא לִצְלָן, אִיז אַ סִימָן אַז זַיין הַארְץ אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט עֲבֵירוֹת; וַוייל אַ מֶענְטְש רֶעדְט וָואס עֶר טְרַאכְט, אוּן אַז עֶר רֶעדְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער אִיז אַ סִימָן אַז עֶר טְרַאכְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶער אַז עֶר רֶעדְט שְׁמוּצִיג אִיז אַ סִימָן אַז זַיין גַאנְצֶע הַארְץ אִיז פוּל מִיט דֶעם[10], חֲזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת ל״ג ע״א) מוֹרָא׳דִיגֶע עוֹנְשִׁים וָואס עֶס קוּמְט אוֹיף רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, וְוִיפִיל אַלְמָנוֹת אוּן יְתוֹמִים שְׁרַייעֶן אוּן וֶוערְן נִישְׁט גֶעהָאלְפְן וְכוּ׳. אָבֶער אַז אַ מֶענְטְש רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער מַאכְט אִים דָאס הֵיילִיג אוּן עֶס רֵיינִיגְט אִים.

אַוַודַאי נֶעמְט עֶס צַייט, וִויבַּאלְד מֶען אִיז שׁוֹין נֶעבֶּעךְ אַזוֹי מְגוּשָׁם אוּן אָנְגֶעלֵייגְט מִיט שְׁמוּץ פוּן אַזוֹיפִיל יָארְן ׳חֲטאוֹת נְעוּרִים׳ וָואס זֵיי מַאכְן רַחְמָנָא לִצְלָן אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע דֶעם מֶענְטְשׁ, אָבֶער אַז מֶען אִיז זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ

---

[10] אַפִילוּ עֶר גֵייט אָנְגֶעטוּהן מִיטְן גַאנְצְן חַסִידִי׳שְׁן לְבוּשׁ.

און מֶען רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער נָאךְ אַ וָוארְט און נָאךְ אַ וָוארְט, רֵיינִיגְט מֶען זִיךְ צוּבִּיסְלֶעךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיס. אַזוֹי ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן רל״ד), אַ מָשָׁל צוּ וַואסֶער וָואס טְרָאפְּט אוֹיף אַ גְרוֹיסְן שְׁטֵיין וָואס עֶס קוּקְט אוֹיס אַז דָאס וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען דוּרְךְ לֶעכֶערְן דֶעם שְׁוֶוערְן שְׁטֵיין, אָבֶּער אוֹיב דִי וַואסֶער וֶועט דָארְט רִינֶען נָאךְ און נָאךְ אַ לַאנְגֶע צַייט וֶועט דָארְט בַּיים סוֹף וֶוערְן אַ לָאךְ.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ - פִּירְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיס - רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז גֶעגְלִיכְן צוּ וַואסֶער, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (אֵיכָה ב, יט): **שִׁפְכִי כַמַּיִם לִבֵּךְ נֹכַח פְּנֵי ה׳.** און אַפִילוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ ׳לֵב הָאֶבֶן׳ - אַ שְׁטֵיינֶערְנֶעם הַארְץ, און עֶס קוּקְט אִים אוֹיס אַז עֶר אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, עֶר וֶועט דָאס נִישְׁט קֶענֶען רִירְן, אָבֶּער אוֹיב וֶועט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְן, עֶר וֶועט וַוייטֶער רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וֶועט עֶר בַּיים סוֹף לֶעכֶערְן זַיין לֵב הָאֶבֶן.

ז.

זַייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן: וָואס זָאלְן זֵיי טוּהְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן כה): מֶען דַארְף הָאבְּן אַ שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן טָאג. אָבֶּער עֶר אִיז אַזוֹי צוּבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, אַז קוֹים וָואס עֶר קֶען רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַוַודַאי נִישְׁט הָאבְּן אַ שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת ?! נָאר וֶוער עֶס לֶערְנְט פְלַייסִיג דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים זֶעהְט עֶר, אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן צו): אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט אַז אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ גַאנְצְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, אָבֶּער אַזוֹי וִוי אִיר קֶענְט דָאס נִישְׁט בַּאוַוייזְן, זָאלְט אִיר כָאטְשׁ הָאבְּן אַ שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת.

שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ שְׁאֵלָה: וָואס הֵייסְט אַ גַאנְצְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת? מֶען דַארְף דָאךְ דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת, לֶערְנֶען חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, הֲלָכָה. עֶסְן אוּן בֶּענְטְשְׁן, גֵיין אִין בִּיזְנֶעס אָדֶער אִין אַרְבֶּעט, זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוֹיבּ אַזוֹי וִוי אַזוֹי אִיז בִּכְלַל שַׁיָּיךְ צוּ מַאכְן אַ גַאנְצְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת? נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי

הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן זַיין אַזוֹי בַּאהָאפְטְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַז פוּן וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אוּן מֶען זָאגְט מוֹדֶה אֲנִי זָאל מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם ! אִיךְ דַאנְק דִיר אַז דוּ הָאסְט מִיר צוּרִיק גֶעגֶעבְּן דִי נְשָׁמָה, אִיךְ בֶּעט דִיר אַז אִיךְ זָאל הַיינְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק אוּן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן דֶער הַיינְטִיגֶער טָאג זָאל זַיין בֶּעסֶער וִוי נֶעכְטְן; אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ב): גְלַייךְ וֶוען אַ אִיד שְׁטֵייט אוֹיף זָאל עֶר שׁוֹין צוּבִּינְדְן דֶעם טָאג צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן זָאגְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם ! דֶער טָאג זָאל זִיךְ פִירְן וִוי אַזוֹי דוּ וִוילְסְט, אוּן אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

נָאכְדֶעם גֵייט עֶר אַרוֹיס פַאר זַיינֶע גֶעבְרוֹיכְן, אוּן עֶר וַואשְׁט זִיךְ אָפּ אוּן עֶר זָאגְט בִּרְכַּת הַתּוֹרָה, פְלֶעכְט עֶר וַוייטֶער אַרַיין דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיפְן וֶועג גֵייעֶנְדִיג צוּ דִי מִקְוָה רֶעדְט עֶר צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אִין מִקְוָה אַז קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט רֶעדְט עֶר אַפָּאר דִיבּוּרִים צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה.

אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועןְ עֶטְלִיכֶע מָאל צוּ זֶעהְן ווִי אַזוֹי דֶער הֵיילִיגֶער סְקָאלְיֶער **רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ** פוּן ווילְיַאמְסְבּוּרְג טוֹבֵל׳ט זִיךְ אִין מִקְוָה[11], עֶר הָאט גֶעהַאט דֶעם קַאפְּל אוֹיף זִיךְ, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ צוּ קְלַאפְּן דָאס הַארְץ אוּן גֶעזָאגְט ווִידוּי: **אָשַׁמְנוּ בָּגַדְנוּ וְכוּ׳**, אוּן זִיךְ גֶע׳טוֹבֵל׳ט, אוּן נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי גַאנְצֶע נוּסַח וָואס מֶען זָאגְט בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה (פוּנֶעם אֲרִיזַ״ל): **וְאִם חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ וּפָגַמְתִּי בְּאוֹת יוּד שֶׁל שִׁמְךָ הַגָּדוֹל י׳הו״ה וְכוּ׳**, אוּן אַזוֹי דֶעם גַאנְצְן נוּסַח, אוּן יֶעדֶע מָאל צְווִישְׁן, זִיךְ גֶע׳טוֹבֵל׳ט, עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען אַ מוֹרָא׳דִיגֶער מַרְאֶה דָאס מִיט צוּהַאלְטְן.

---

[11] אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין אִין מִקְוָה צוּפְרִי, ווַייל אוּנְז הָאבְּן גֶעווֹאוֹינְט אִין דִי בְּרָאנְקְ״ס, אוּן דָארְט אִיז פוּן מַיין שְׁטוּבּ בִּיז צוּ דִי מִקְוָה גֶעוֶוען ווַייט כִּמְעַט אַ שָׁעָה, [שַׁבָּת צוּפְרִי הָאבְּן אוּנְז גֶעדַארְפְט גֵיין אַ שָׁעָה צוּ דִי מִקְוָה אוּן אַ שָׁעָה צוּרִיק], אוּן ווִיבַּאלְד אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אוּן דֶער וֶועג הָאט גֶענוּמֶען כִּמְעַט צְוֵויי שָׁעָה צוּ פָארְן מִיט דִי טְרֶעין, אִיז מִיר נִישְׁט גֶעוֶוען מֶעגְלִיךְ אָן צוּ יָאגְן צוּ זַיין אִין מִקְוָה פַארְן דַאוֶונֶען, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ נוֹשֵׂא חֵן גֶעוֶוען בַּיים צֶעלִימֶער מִקְוָה אִיד [הרה״ח ר׳ יושע כַּ״ץ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה], עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט: אִיךְ זָאל אִים קְלַאפְּן בַּיים פֶענְסְטֶער יֶעדְן נָאכְמִיטָאג פַאר עֶר טוֹישְׁט דִי מִקְוָה, אוּן עֶר וֶועט מִיר אוֹיפְמַאכְן. בִּין אִיךְ דֶעמָאלְטְס גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוָה, אַסַאךְ מָאל אִיז דֶער סְקָאלְיֶע רֶבִּי אוֹיךְ גֶעקוּמֶען דֶעמָאלְטְס אִין מִקְוָה, אוּן אָן זַיין ווִיסְן אִיז מִיר גֶעלוּנְגֶען בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט מִיט צוּ הַאלְטְן זַיין עֲבוֹדָה אִין מִקְוָה.

נָאכְדֶעם גֵייעֶנְדִיג צוּם בֵּית הַמִדְרָשׁ רֶעדְט מֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער, בַּיים דַאוֶוענֶען רֶעדְט מֶען דָאךְ אַוַודַאי צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַזוֹי אַ גַאנְצְן טָאג יֶעדֶע זַאךְ, וָואס מֶען דַארְף אוּן וָואס מֶען טוּט, דֶערְצֵיילְט מֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָדוֹשׁ (מִקֵץ קצ״ט ע״ב): **רֶבִּי יֵיסָא סָבָא** הָאט זִיךְ גֶעפִירְט, אַז אַפִילוּ וֶוען דִי עֶסְן אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גְרֵייט אוֹיפְן טִישׁ הָאט עֶר קוֹדֶם גֶעבֶּעטְן: **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!** גֶעבּ מִיר צוּ עֶסְן. הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט: דוּ הָאסְט דָאךְ שׁוֹין דָא גְרֵייט עֶסְן?! הָאט עֶר גֶעזָאגְט: דָאס אִיז נָאכְנִישְׁט מַיינְס, אִיךְ דַארְף קוֹדֶם בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן רל״ג). בִּפְרַט בַּיים אַרְבֶּעטְן קֶען מֶען אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן[12].

קוּמְט אוֹיס אַז אוֹיבּ פִירְט מֶען זִיךְ אוֹיף דֶעם וֶועג, הָאט מֶען גֶערֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַ גַאנְצְן טָאג פוּן וֶוען מֶען הָאט אוֹיפְגֶעמַאכְט דִי אוֹיגְן בִּיז מֶען הָאט זִיךְ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן.

---

[12] דֶערְפַאר רָאט אִיךְ שְׁטֶענְדִיג פַאר יוּנְגֶעלַייט צוּ זוּכְן אַזַא סָארְט אַרְבֶּעט וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט נוּצְן דֶעם מוֹיל, לְמָשָׁל בַּיי 'שִׁיפִּינְג דֶעפַּארְטְמֶענְט' אָדֶער בַּיי פַּאקְן דִי בַּאקְסֶעס אוּן דָאס גְלַייכְן, מְמֵילָא בְּלַייבְּט דִי מוֹיל פְרֵיי צוּ קֶענֶען רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

וֶועגְן דֶעם אַפִילוּ אַז אַ מֶענְטְש אִיז נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג, דָאךְ קֶען עֶר אָבֶּער אַרַיינְכַאפְּן דָא אַ וָוארְט אוּן דָארְט אַ וָוארְט, וֶוען עֶר דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס פוּן דֶעם שְׁטֶעלְט זִיךְ צוּזַאם אַסַאךְ מִינוּטְן, בִּיז נָאכְדֶעם וֶועט עֶר זֶעהְן, אַז עֶס הָאט זִיךְ אִים צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט אַ שָׁעָה אוּן נָאכְמֶער וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן וֶוען אַ מֶענְטְש וָואלְט וֶוען דָאס גֶעוואוּסְט וָואלְט עֶר זִיךְ מְחַיֶה גֶעוֶוען מִיט יֶעדֶע וָוארְט וָואס עֶר כַאפְּט אַרוֹיס צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר וִויבַּאלְד דִי גוּף פַארְדֶעקְט דִי נְשָׁמָה, מְמֵילָא שְׁפִּירְט עֶר נִישְׁט וָואס הֵייסְט רֶעדְן אַפִילוּ אֵיין וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע דְבֵיקוּת צוּם בַּאשֶׁעפֶער, דֶערְפַאר לָאזְט עֶר זִיךְ נָאךְ דֶערְפוּן.

### ח.

עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לא, מב) **וַיוֹכַח אָמֶש**, פְלֶעגְן אוּנְזֶערֶע לַייט דָאס אוֹיסְטַייטְשְׁן: אַז דָאס אִיז אוֹיךְ

אַ לָשׁוֹן פוּן תּוֹכָחָה; וַוייל דֶער נֶעכְטִיגֶער טָאג אִיז דִי גְרֶעסְטֶער מוּסָר פַאר אַ מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶר מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן: נֶעכְטְן בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען שְׁפֶּעט אוּן קוֹים גֶעכַאפְּט דִי תְּפִלִין אוּן גֶעלָאפְן דַאוֶוענֶען, נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעשְׁלָאגְן מִיט דֶעם אוּן מִיט יֶענֶעם, אוּן אַזוֹי אִיז מִיר דוּרְךְ דֶעם גַאנְצְן טָאג, וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט פוּן דֶעם? אָבֶּער וֶוען אִיךְ וָואלְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גֶעבְּן אַ פֶּענִי פַאר צְדָקָה, אוּן גֶעטוּהְן אַ חֶסֶד פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, גֶעלֶערֶענְט עֶפֶּעס, דָאס וָואלְט מִיר גֶעבְּלִיבְּן פוּנֶעם נֶעכְטִיגְן טָאג, אָבֶּער דֶער נֶעכְטִיגֶער טָאג וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען, כָאטְשׁ זָאל דֶער הַיינְטִיגֶע טָאג נִישְׁט זַיין אַזוֹי וִוי נֶעכְטְן, אוּן זֶעהְן אַרוֹיסְצוּכַאפְּן דִי קְלֵיינֶע פָּשׁוּטֶ׳ע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, וָואס נָאר דָאס הֵייסְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד [13].

[13] נָאר וִויבַּאלְד דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַזַא פַארְגְרֶעבְּטְן גוּף וָואס פַארְשְׁטֶעלְט זַיין נְשָׁמָה מֵיינְט עֶר אַז דָאס זֶענֶען פָּשׁוּטֶ׳ע קְלֵיינֶע נְקוּדוֹת אוּן דָאס אִיז גָארְנִישְׁט חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ זוּהְן רֶבִּי יוֹסֵף יוֹנָה[14], עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ סוֹפֵר, זַיין סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען עֶר אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי חֲצוֹת, אוּן גֶעזָאגְט 'בִּרְכַּת הַתּוֹרָה' אוּן 'תִּיקוּן חֲצוֹת', נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט בִּיז צוּפְרִי וֶוען עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט בַּיים 'נֵץ-וָותִיקִין', נָאכְדֶעם אִיז עֶר אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען עֶסְן 'פַּת שַׁחְרִית'.

דָארְטְן וואוּ עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען נָאךְ אַ סוֹפֵר, אָבֶער עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ חַסִידִי'שֶׁער אִיד מִיטְן גַאנְצְן פְּרַאכְט, אַ בֶּעקִיטְשֶׁע אִינְדֶערְוָואכְן, מִיט שְׁטִיְוול וְכוּ', אִים הָאט מֶען גֶעזֶעהְן הַאלְבּ צְוֶועלְף פַארְמִיטָאג גֵיין מִיטְן הַאנְטוּךְ אוֹיפְן רוּקְן אִין מִקְוָה אַרַיין וְכוּ', אוּן נָאכְדֶעם זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶוענֶען... פְלֶעגְן דִי פְּרוֹיעֶן זָאגְן: 'דָאס' הֵייסְט אַ עֶרְלִיכֶער אִיד! נִישְׁט אַזוֹי וִוי יוֹסֵף

---

[14] זַיין אֵיינִיקְל אִיז גֶעוֶוען הרה"ק רֶבִּי אַבְרָהָם שְׁטֶערֶנְהַארְץ זצ"ל וָואס עֶר הָאט דָאס פַארְצֵיילְט.

**יוֹנָה** דֶער פְּרֶעסֶער ! דֶער זוֹיפֶער ! עֶר אִיז אַזוֹי הוּנְגֶערִיג נָאךְ אַבִּיסְל עֶסְן אַז עֶר לוֹיפְט שׁוֹין עֶסְן גַאנְץ פְּרִי[15].

מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ אַמָאל גֶעטַייטְשְׁט 'בְּדֶרֶךְ צַחוּת', דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (רות ד, יז) : **וַתִּקְרֶאנָה לוֹ הַשְּׁכֵנוֹת שֵׁם** **וְכוּ' וּתִּקְרֶאנָה שְׁמוֹ 'עוֹבֵד'.** לוֹיט דִי שֵׂכֶל פוּן דִי **שְׁכֵנוֹת** פְּרוֹיעֶן הָאט מֶען אִים בַּאטִיטְלְט אַלְץ **עוֹבֵד !** דָאס הֵייסְט אַ עֶרְלִיכֶער אִיד !

אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט זִיךְ אַ אֶמֶתְ'ן חֶשְׁבּוֹן וִוי אַזוֹי אַ עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְף אוֹיסְזֶעהְן, וֶוייסְט עֶר אַז עֶר דַארְף זִיךְ פְּרֵייעֶן מִיט זַיינֶע נְקוּדוֹת אוּן גוּטְס וָואס עֶר הָאט, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, כָּאטְשִׁיג נִישְׁט יֶעדֶער פַארְשְׁטֵייט וֶוער דוּ בִּיסְט, אוּן וָואסְפַארַא גוּטְס דוּ כַאפְּסְט אַלְץ אַרוֹיס יֶעדְן טָאג, וָואס הָאסְטוּ מִיט יֶענֶעם ?! אוּן אַפִּילוּ אוֹיבּ אִין שְׁטוּבּ קֶענְסְטוּ אוֹיךְ נִישְׁט רֶעדְן מִיט דַיין וַוייבּ אִין '**עֲבוֹדַת הַשֵּׁם**', זִי הָאט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה אִין

---

15 דָאס אַז אַ גַאנְצֶע נַאכְט אִיז עֶר שׁוֹין גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה אִיז זַיי נִישְׁט בֵּייגֶעפַאלְן.

אַזאַלעכע זאַכן, איז אויך גאָרנישט, נאָר רעדט מיט איר לויט איר שפּראַך און לויט איר שׂכל.

מען דערצײלט נאָך אויפֿן הײליקן קול אַריה זכותו יגן עלינו, אַז ער איז געװען אַ גרױסער מתמיד, און װען ער האָט חתונה געהאַט איז ער געזיצן אין בית המדרש און געלערנט, זײַן װײַב האָט זיך געװאָלט ער זאָל לערנען, אײנמאָל גײט זי דורך די פענסטער פֿון בית המדרש, און זי זעהט אַז איר מאַן רעדט מיט אַ קופּקע אינגעלײַט, [ער דערצײלט מעשׂיות פֿון צדיקים], עס האָט איר זײער װײ געטוהן: איך זאָרג זיך אױף פּרנסה נאָר כּדי ער זאָל זיצן און לערנען, און ביז דערװײַל שמועסט ער מיט אינגעלײַט! װען ער איז אַהײם געקומען האָט זי אים פֿאַרגעהאַלטן דערויף, זאָגט ער: איך האָב מיר אַביסל אָפּגערוהט, האָב איך דערצײלט מעשׂיות פֿון צדיקים. זאָגט זי אים: טוה מיר אַ טובה! פֿון הײנט אָן דערצײל מער נישט קײן מעשׂיות פֿאַר אַנדערע אינגעלײַט, נאָר זיץ און לערן אַזוי פֿלײַסיג, אַז מען זאָל נאָכדעם האָבן צו

**דֶערְצֵיילְן פוּן דִיר מַעֲשִׂיוֹת[16] ! דִי וֶוערְטֶער אִיז אִים אַרַיין אַזוֹי אִין דִי בֵּיינֶער, אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען לֶערְנֶען זַייעֶר פְלַייסִיג אוּן עֶר אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסֶען דֶער גְרוֹיסֶער 'קוֹל אַרְיֵה'** (הוּבָא בְתוֹלְדוֹת קוֹל אַרְיֵה).

**אִין יְרוּשָׁלַיִם אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר אַ מוֹרָא'דִיגֶער מַתְמִיד, אָבֶער נָאךְ זַיין חֲתוּנָה, הָאט דִי וַוייבּ פוּן אִים פַארְלַאנְגְט עֶר זָאל אִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן, זִי הָאט אִים גֶעשִׁיקְט גֵיין אַיינְקוֹיפְן, אוֹיפְהֶענְגֶען דִי וֶועשׁ, אָפְּשֵׁיילְן קַארְטָאפְל. אִיז עֶר אַרַיין צוּ אַ גְרוֹיסְן גָאוֹן, אוּן עֶר הָאט זַייעֶר גֶעוַויינְט: וֶועגְן דֶעם הָאבּ אִיךְ חֲתוּנָה גֶעהַאט ? אִיךְ ווִיל דָאךְ שְׁטַייגְן אִין לֶערְנֶען ! נָאכְדֶערְצוּ אַז דָאס אִיז אִיר אַרְבֶּעט[17] ? ! אוּן דֶער רָב טְרַאכְט צוּ זִיךְ: עֶס אִיז דָאךְ טַאקֶע אַ מוֹרָא'דִיגֶע טַעְנָה. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אַז מֶען וֶועט גֵיין צוּם הֵיילִיגְן חַזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.**

---

[16] זִי אִיז גֶעוֶוען אַ קְלוּגֶע רֶעבֶּעצִין, הָאט זִי גֶעווִיסְט ווִי אַזוֹי אִים אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן.

[17] דָאס הָאט עֶר נִישְׁט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אַלֵיין הָאט שׁוֹין אוֹיךְ נָאכְגֶעלָאזְט פוּן זַיין הַתְמָדָה, [אַזוֹי ווִי דֶער סֵדֶר אִיז אַז אַלְץ בָּחוּר ווִיבַּאלְד מֶען אִיז צוּבְּרָאכְן בַּאפְלֵייסְט מֶען זִיךְ אִין לֶערְנֶען גְמָרָא מִשְׁנַיוֹת אוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ וְכוּ', אָבֶער נָאךְ דִי חֲתוּנָה ווִיבַּאלְד מֶען הָאט שׁוֹין אַ וַוייבּ וְכוּ', הֵייבְּט מֶען אָן נָאכְצוּלָאזְן], אוּן אַוַודַאי הָאט עֶר נִישְׁט פַארְצֵיילְט ווִי אַזוֹי זַיין וַוייבּ פִילְט, אַז זִי בְּרֶעכְט אוּן זִי הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ.

וֶוען זַיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם 'חַזוֹן אִישׁ', הָאט דֶער יוּנְגֶערְמַאן אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ בִּיטֶערְלֶעךְ גֶעוַויין אַז עֶר הָאט אַפִּילוּ נִישְׁט גֶעקֶענְט רֶעדְן, הָאט דֶער רָב מַסְבִּיר גֶעוֶועזְן פַאר'ן 'חַזוֹן אִישׁ' דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אוּן דֶער 'חַזוֹן אִישׁ' זִיצְט אָנְגֶעלַאנְט אוֹיף זַיין שְׁטֶעקְן אוּן שְׁמֵייכְלְט, נָאכְדֶעם רוּפְט עֶר זִיךְ אָן: אִיר קְלֶערְט אַוַודַאי פַארְוָואס אִיךְ לַאךְ... אִיךְ וֶועל אַייךְ זָאגְן: דֶער אִינְגֶערְמַאן הַאלְט נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען ! וַוייל וֶוען עֶר הַאלְט וֶוען אֱמֶתְ'דִיג בַּיים לֶערְנֶען, וָואלְט זַיין וַוייבּ גוּט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אַז עֶר זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען, אוּן זִי וָואלְט אִים נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט חָלִילָה, נָאר וְוִיבַּאלְד עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אִין שְׁטוּבּ פּוּסְט אוּן לֵיידִיג, מְמֵילָא אִיז זִי אִים מְכַבֵּד עֶר זָאל אִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט דִי שְׁטוּבּ וְוירְטְשַׁאפְט.

קוּמְט אוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אַז דֶער וַוייבּ זָאל שֶׁעצְן תּוֹרָה, אוּן טַאקֶע וֶועלְן אַז דֶער מַאן זָאל לֶערְנֶען אִיז אַ עֶקְסְטֶערֶע זְכוּת, אָבֶּער אַפִּילוּ אַז מֶען הָאט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם, דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן טָאג אוּן נַאכְט וֶועגְן דֶעם, אַזוֹי וַוייט אַז מֶען

זָאל זִיךְ גֶטְ׳ן חָלִילָה, נָאר אַז מֶען הָאט אַבִּיסְל שֵׂכֶל וֵוייסְט מֶען, אַז מֶען קֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַפִילוּ אַזוֹי אוֹיךְ, אוּן מֶען רֶעדְט צוּ דִי וַוייבּ פוּן זַאכְן וָואס זִי וִויל הֶערְן, אוּן וֶוען מֶען הֶעלְפְט אַרוֹיס דִי וַוייבּ: מֶען הֶענְגְט דִי וֶועשׁ, מֶען שֵׁיילְט פָּאטֶעטָאס, מֶען גֵייט אַיינְקוֹיפְן, רֶעדְט מֶען דֶעמָאלְטְס צוּם בַּאשֶׁעפֶער ! וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט דֶעם אֱמֶת׳דִיגְן רָצוֹן, אוּן עֶר וִויל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, קֶען עֶר פוּן יֶעדֶע גַשְׁמִיוּת מַאכְן רוּחְנִיוּת[18], אוּן עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן: מַיין וַוייבּ אִיז שׁוּלְדִיג ! זִי שְׁטֶערְט מִיךְ צוּ זַיין עֶרְלִיךְ !

אָבֶּער רַחְמָנָא לִצְלָן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט נִישְׁט דֶערְבַּיי, וֶועט עֶר אַפִילוּ פוּן דִי הֶעכְסְטֶע רוּחָנִיוּת אוֹיךְ מַאכְן גַשְׁמִיוּת, אוּן פוּנֶעם עִיקָר וֶועט עֶר מַאכְן טָפֵל, אוּן שְׁטֶענְדִיג פְּרוּבִּירְן נָאכְצוּמַאכְן אַנְדֶערֶע מִיט אַלֶע נַארִישֶׁע פַּאקְסְן אוּן תְּנוּעוֹת, וָואס דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען פָּשׁוּט

---

[18] נָאר נָאכְדֶעם וֶוען מֶען וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיבְן, וֶועט זִי זֶעהְן וִוי עֶר הָאט אָפְּגֶעשְׁפִּילְט מִיט אִיר אַ גַאנְץ לֶעבְּן אַ שֵׁיינֶער שְׁפִּיל, אוּן זִי וֶועט זִיךְ מוֹרָא׳דִיג וואוּנְדֶערְן: דָאס אִיז גֶעוֶוען מַיין מַאן ?! אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִיטְאַמָאל גֶע׳חָלוֹמְ׳ט וָואס עֶר הָאט אַלְץ אַרַיינְגֶעכַאפְּט אוּן אוֹיפְגֶעטוּהְן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט.

נַארִישְׁקֵייטְן, וַוייל דֶער עִיקָר וָואס מֶען דַארְף קוּקְן וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַן עֶרְלִיכְן אִיד אִיז, צוּ ׳אִיךְ׳ הָאבּ עֶפֶּעס תַּכְלִית, אוּן אַז עֶס בְּלַייבְּט מִיר עֶפֶּעס אִין דִי הַאנְט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ו): דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז צוּגֶעגְלִיכְן אַזוֹי וִוי אֵיינֶער וָואס לוֹיפְט אַרוּם מִיט אַ פַארְמַאכְטְן הַאנְט, אוּן יֶעדֶער לוֹיפְט אִים נָאךְ וָואכְן, חֲדָשִׁים, אוּן יָארְן, אוּן מֶען אִיז זִיכֶער אַז עֶר הָאט דָארְט וָואס אִיךְ דַארְף, אוּן עֶר וֶועט מִיךְ הֶעלְפְן, בַּיים סוֹף מַאכְט עֶר אוֹיף דִי הֶענְט אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא דָארְט; אִיךְ הָאבּ בַּיי דֶעם עֶרְלִיכְן אִיד גָארְנִישְׁט אַיינְגֶעקוֹיפְט.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען גוּט וִויסְן נִישְׁט זִיךְ צוּ לָאזְן נַארְן, אוּן אֵייבִּיג קוּקְן: וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר?! יֶענֶער קֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער וָואס הָאבּ אִיךְ דֶערְפוּן?! פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי בְּגַשְׁמִיוּת וֶוען אֵיינֶער דַארְף פַּרְנָסָה וֶועט עֶר גָארְנִישְׁט הָאבְּן פוּן דֶעם אַז מֶען זָאגְט, אַז יֶענֶער מַאכְט אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל גֶעלְט, דֶער עִיקָר אַז עֶר זָאל עֶפֶּעס הָאבְּן דֶערְפוּן אוּן אַז עֶר זָאל כָאטְשׁ מַאכְן אֵיין

דָאלֶער, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ בְּרוּחָנִיוּת אִיז אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן.

## ט.

דָאס גֶעפוּנֶען מִיר אִין דִי סִדְרָה פוּן דִי וָואךְ (שְׁמוֹת לב, א): **וַיַּרְא הָעָם כִּי בֹשֵׁשׁ מֹשֶׁה וְגוֹ'** - וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זוֹימְט זִיךְ אַרָאפּ צוּקוּמֶען פוּנֶעם בַּארְג, הָאבְּן זַיי גֶעבֶּעטְן אַהֲרֹן עֶר זָאל זַיי מַאכְן אַן אָפְּגָאט וָואס זָאל זַיי פִירְן, אוּן זַיי הָאבְּן גֶעזָאגְט: **כִּי זֶה מֹשֶׁה הָאִישׁ אֲשֶׁר הֶעֱלָנוּ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם לֹא יָדַעְנוּ מֶה הָיָה לוֹ** - מִיר וֵוייסְן נִישְׁט וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁעהְן מִיט דֶעם 'מֶענְטְשׁ' מֹשֶׁה וָואס הָאט אוּנְז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן לַאנְד מִצְרַיִם. וֶועגְן דֶעם זֶענֶען זַיי גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעמַאכְט דֶעם עֵגֶל.

זֶעהְט מֶען פוּן דָא וִוי אַזוֹי מֶען קוּמְט צוּ מַאכְן אַן עֵגֶל, וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט, וַוייל דוּ בִּיזְט דָאךְ מוֹדֶה אַז נָאר מֹשֶׁה אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט דִיךְ גֶעקֶענְט אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מִצְרַיִם, וָואס אִיז גֶעוֶוען

אִינְגַאנְצְן אַ פַארְמַאכְטֶע פְּלַאץ, אוּן אַפִילוּ אַ עֶבֶד הָאט פוּן דָארְט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיס גֵיין (מְכִילְתָּא יִתְרוֹ פַּרְשָׁה א), וַוייל דִי וַואך אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַרוֹיס גֶענוּמֶען דִי אִידְן אִינְמִיטְן הֶעלְן טָאג, אוּן אַפִילוּ אַ הִינְט הָאט נִישְׁט גֶעבִילְט.

דָאךְ אָבֶער, וִוי נָאר זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַז מֹשֶׁה אִיז נִישְׁט דָא אוֹיף דִי מִינוּט, אַנְשְׁטָאט צוּ וַוארְטְן אוּן הָאבְּן גֶעדוּלְד, אוּן נִישְׁט זִיךְ עַקְשְׁנֶ׳ען אוּן מַאכְן ׳דְחִיקַת הַשָּׁעָה׳ – מֶען מוּז שׁוֹין ! (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָנִים כ; קצו; חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָנִים תל-תלו), הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: מֶען וֶועט מַאכְן אַ גָאט. אוּן זֵיי הָאבְּן צוּגֶעלֵייגְט מִיט דִי לָשׁוֹן: כִּי זֶה מֹשֶׁה ׳הָאִישׁ׳, פְּלוּצְלִינְג רוּפְט מֶען אִים אָן: ״דֶער מֶענְטְשׁ מֹשֶׁה״. גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן, עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דַיין רֶבִּי ? !

חַזַ״ל זָאגְן (דְבָרִים רַבָּה יא, ד): מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן (דְבָרִים לג, א), ׳אִישׁ אֱלֹקִים׳ וַוייל הַאלְבּ אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ ׳מֶענְטְשׁ׳, אוּן הַאלְבּ אִיז עֶר גֶעוֶוען ׳אֱלֹקוּת׳; וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ צַדִיק, אַז עֶר

## זַיי קְלוּג. נִישְׁט גֶערֶעכְט !

קֶען זַיין סַיי אוֹיבְן – אִינְגַאנְצְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ דִי זֶעלְבֶּע צַייט זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ דִי וֶועלְט, אוּן זַיין אַ מֶענְטְשׁ וִוי אַלֶע מֶענְטְשְׁן [19] (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָנִים ז, סח).

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּנֶעם עֵגֶל, אַז גְלַייךְ וִוי זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז נָאכְנִישְׁט דָא, הָאבְּן זֵיי גֶענוּמֶען דֶעם עֵגֶל [בַּאק], אוּן גֶעמַאכְט דֶערְפוּן אַ גַאנְצֶער מְצִיאוּת אוּן אָפְּגָאט, עֶר זָאל זַיין דֶער פַארְמִיטְלֶער צְוִוישְׁן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זֵיי, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת לב, ד): אֵלֶּה אֱלֹהֶיךָ יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר הֶעֱלוּךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם – דֶער בָּאק [עֵגֶל] הָאט דִיר אַרוֹיס גֶעפִירְט פוּן מִצְרַיִם; אוּן גֶעמַאכְט פוּן אַ סִיבָּה אוּן טָפֵל – פַאר אַ עִיקָר.

[19] מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז אַ צַדִיק דַארְף זִיצְן אִין וַואלְד – אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן דִי וַוייבּ אוּן פוּן מֶענְטְשְׁן, אוּן מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט הָאבְּן צוּ טוּהְן, אוֹיךְ זָאל עֶר נִישְׁט עֶסְן אוּן זַיין אוֹיסְגֶעדַארְט וִוי אַ שְׁטֶעקְן, [מֶער פוּן דֶעם פַארְגִינְט מֶען נִישְׁט דֶעם צַדִיק], אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז, אַז אַ צַדִיק קֶען לֶעבְּן גֶעהֶערִיג דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דָאךְ אִיז עֶר אוֹיבְן אוֹיךְ, דָבוּק אִינְגַאנְצְן צוּם אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא.

## י.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ס"ב): דֶער טָעוּת מַאכְן מֶענְטְשְׁן הַיינְט אוֹיךְ, אוּן מֶען טְרַאכְט אַז נָאר דוּרְךְ דִי אַרְבֶּעט וָואס מֶען טוּט, הָאט מֶען פַּרְנָסָה, אוּן מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז דִי גַאנְצֶע פַּרְנָסָה אוּן אַרְבֶּעט וָואס מֶען הָאט, אִיז אוֹיךְ נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, נְטִילַת יָדַיִם הֲלָכָה ב): הַיינְט אִיז אוֹיךְ דָא 'מָן', וֶוען אַ אִיד אַנֶערְקֶענְט, אַז דִי אַרְבֶּעט וָואס עֶר הָאט אִיז אוֹיךְ מִיט 'הַשְׁגָחָה' פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, וָואס הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים אוּן אִים דָאס צוּגֶעשִׁיקְט[20], דֶעמָאלְטְס אִיז זַיין פַּרְנָסָה מַמָּשׁ 'מָן'.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יוֹסֵף יִצְחָק פוּן לִיוּבַּאוִויטְשׁ זי"ע הָאט גֶעזָאגְט: אַ 'סְטָאר קִיפֶּער' קֶען זֶעהְן מֶער 'הַשְׁגָחָה', וִוי אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס זִיצְט אוּן לֶערְנְט! לְמָשָׁל: עֶס אִיז דָא פוּנְקְט דִי זֶעלְבֶּע סְטָאר וִוי אִיךְ הָאבּ, נִישְׁט וַוייט פוּן

---

[20] וִויפִיל הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזֶענְטֶער גוֹיִם לְהַבְדִיל הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַרְבֶּעט, כָאטְשִׁיג זֵיי זֶענֶען גֶעזוּנְטֶע גוֹיִם אוּן זֵיי קֶענֶען בֶּעסֶער אַרְבֶּעטְן וִוי אוּנְז.

דָא, פַארְוָואס אִיז דֶער קָאסְטוּמֶער פּוּנְקְט אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ מִיר?! אִיז דָאךְ נָאר וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אִים אַרַיינְגֶעשִׁיקְט דָא אַהֶער צוּ מִיר. דֶערְפַאר זָאגְן חֲזַ"ל (מְכִילְתָּא בְּשַׁלַּח טז, ד): **לֹא נִתְּנָה תּוֹרָה אֶלָּא לְאוֹכְלֵי הַמָּן** – דִי תּוֹרָה הָאט מֶען נִישְׁט גֶעגֶעבְּן נָאר פַאר דִי וָואס זַיי עֶסְן מָן. דָאס הֵייסְט, פַארְוָואס לֶערְנְט אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט קַיין תּוֹרָה? וַוייל עֶר טַעְנָה'ט: אִיךְ דַארְף דָאךְ הָארֶעוֶוען אוֹיף פַּרְנָסָה. אָבֶּער אַז עֶר וֵוייסְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן זַיין גַאנְצֶע פַּרְנָסָה אִיז אוֹיךְ נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער אַ מַתָּנָה, מָן פוּן הִימְל, אוֹיבּ אַזוֹי וֶועט עֶר אִינְמִיטְן אַרְבֶּעט אוֹיךְ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַרוֹיסְכַאפְּן אוֹיךְ צוּ לֶערְנֶען אִינְמִיטְן וֶוען עֶר הָאט אַ מִינוּט צַייט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפד): מֶען פְּרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ (שַׁבָּת ל"א, ע"א), **קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה** – הָאסְטוּ גֶע'גַנְבֶ'ט צַייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה?! וַוייל אַפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז זֵייעֶר פַארְיָאגְט אוּן פַארְנוּמֶען דַארְף אוֹיךְ אַרוֹיס'גַנְבֶ'נֶען צַייט צוּ לֶערְנֶען.

## יא.

קוּמְט אוֹיס אַז מֶען קֶען זִיךְ פוּן דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי עֵגֶל אַרוֹיסְלֶערְנֶען זֵייעֶר וִויכְטִיגֶע זַאכְן אִין לֶעבְּן, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד אוּן אוֹיסְוַוארְטְן דִי יְשׁוּעָה, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת גְזֵילָה, הֲלָכָה ה): בִּיז מֶען וֶוערְט אַ עֶרְלִיכֶער אִיד נֶעמְט צַייט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, טַייטְשְׁט מִיט דֶעם (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ פַּרְשַׁת וַיִשְׁלַח), דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין גְמָרָא (יוֹמָא כ ע״ב): **וּכְבָר אָמַר [הַכֹּהֵן] אָנָּה ה׳** - בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן דֶער ׳כֹּהֵן גָדוֹל׳ הָאט עֶר אַסַאךְ גֶעשְׁרִיגְן צוּ בַּאשֶׁעפֶער; וַוייל צוּ וֶוערְן אַ עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְף מֶען אַסַאךְ שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד הָאבְּן.

אוּן אַז מֶען פַארְלִירְט דִי גֶעדוּלְד וֶוערְט שׁוֹין אַ פְּגַם אִין ׳אֱמוּנַת חֲכָמִים׳, אוּן מֶען אִיז מְזַלְזֵל רַחְמָנָא לִצְלָן, אִין דִי אֱמֶת׳ע צַדִיקִים, בִּיז מֶען נֶעמְט זִיךְ אַן ׳עֵגֶל׳ פַאר אַ מַנְהִיג, וָואס פוּן דֶעם קוּמְט נָאכְדֶעם אַלֶע צָרוֹת, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ס״א):

דוּרְךְ אֱמוּנַת חֲכָמִים קֶען מֶען קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע זַאכְן, אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קפ״ו): דָאס וָואס דִי אוֹיבֶּערְלֶענְדֶער אִידְן (אוּנְגַארְן) זֶעהֶען שְׁטֶענְדִיג מוֹפְתִים, אִיז וַוייל זֵיי גֵייעֶן מִיט תְּמִימוּת צוּ אַ צַדִיק, כָאטְשִׁיג עֶס אִיז דָא אַסַאךְ זַאכְן וָואס זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט גְלַייךְ, גְלֵייבְּן זֵיי אִין יֶעדֶע וָוארְט פוּנֶעם צַדִיק, דֶערְפַאר זֶעהֶען זֵיי נָאכְדֶעם גְרוֹיסֶע מוֹפְתִים.

שְׁטֶעלְט זִיךְ יֶעצְט אַוֶועק אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שְׁאֵלָה: אוֹיבּ מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין אַ צַדִיק בִּתְמִימוּת אַז עֶר קֶען בַּאוַוייזְן מוֹפְתִים, אוּן דָאס אִיז דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט, אוֹיבּ אַזוֹי וָואסְפַארַא טַעֲנָה קֶען מֶען הָאבְּן אַז מֶען לוֹיפְט נָאךְ אַ פָּשׁוּטְ׳ן שְׁטֶעקְן, אַ פָּשׁוּטֶ׳ער בָּאק [עֵגֶל], מֶען דַארְף דָאךְ הָאבְּן אֱמוּנַת צַדִיקִים, מְמֵילָא קֶען מֶען דָאךְ גְלֵייבְּן אִין יֶעדְן שַׁקְרָן, אוּן זָאגְן אַז עֶר קֶען בַּאוַוייזְן מוֹפְתִים וְכוּ׳ ? !

דֶער תֵּירוּץ אִיז: אֱמוּנַת חֲכָמִים אִיז נָאר שַׁיָיךְ וֶוען אִיךְ זֶעה אַז דֶער צַדִיק הָאט מִיךְ גֶעטוֹישְׁט, וַוייל אַפִּילוּ מִיט תְּמִימוּת טָאר מֶען נִישְׁט זַיין קַיין שׁוֹטֶה (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן

נא), אוּן נָאךְ טַאנְצְן יֶעדְן נַאר אוּן טִיפֵּשׁ, וָואס דָאס אִיז דֶער פְּגַם פוּנֶעם עֵגֶל, נָאר אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן "וָואס הָאבּ אִיךְ אִין דִי הַאנְט", אוּן זִיךְ מַאכְן אַ אֶמֶתְ'ן חֶשְׁבּוֹן אוּן זִיךְ גוּט קֶענֶען, אוּן וִויסְן וִוי אַזוֹי עֶר הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט: אַ פָּשׁוּטֶער בָּחוּר, אָן קַיין שׁוּם שֵׂכֶל, אוּן אָן קַיין שׁוּם רָצוֹן צוּ לֶערְנֶען, אַרָאפּ גֶעקְלַאפְּט צוּבְּרָאכְן אוּן דֶערְנִידֶערְט אִין שְׁטוּבּ, אִין חֵדֶר, אִין יְשִׁיבָה[21], אוּן הַיינְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם זַייט אִיךְ בִּין מְקוּרָב צוּ דֶעם צַדִיק, לֶערְן אִיךְ חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג מִיט אַ רָצוֹן אוּן חֵשֶׁק, אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אַ דַף גְמָרָא, הַלָכָה, אוּן דֶער צַייט וָואס אִיךְ הָאבּ בִּיז הַיינְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעמַאכְט קַיין סֵפֶר, אוֹיבּ אַזוֹי וֵוייס אִיךְ קְלָאר אַז אִיךְ גֵיי אוֹיף אַ גוּטְן וֶועג[22], וַוייל עֶר גֶעט מִיךְ עֶפֶּעס

---

[21] אֵיינֶער הָאט מִיר אַמָאל גֶעזָאגְט: אִיר הָאט מִיר גֶעמַאכְט פַאר אַ מִילְיָאנֶער! פְּרֶעג אִיךְ אִים: פַארְוָואס? זָאגְט עֶר: פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט דִי אַלֶף-בֵּית הָאבּ אִיךְ נָאר בַּאקוּמֶען אַ נוּל [0] בַּיי אַלֶע צֵייכֶענוּנְג, אָבֶער זַייט אִיךְ בִּין אַהֶער גֶעקוּמֶען בִּין אִיךְ גֶעוָואר גֶעוָוארְן אַז אִיךְ בִּין אַ אֵיינְזֶער [1], קוּמְט אוֹיס אַז מֶען לֵייגְט צוּ אַן אֵיינְזֶער צוּ אַזוֹיפִיל זִירָאס 0 בִּין אִיךְ דָאךְ אַ מֶעכְטִיגֶער מִילְיָאנֶער.

[22] אֵיינֶער הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט: עֶטְץ זֶענְטְס טוֹיטֶע חֲסִידִים! עֶטְץ הָאטְס גָארְנִישְׁט! פְרֶעגְט עֶר אִים צוּרִיק: אוּן וָואס אִיז בַּיי עֶנְק גֶעוֶוען? זָאגְט עֶר: בַּיי אוּנְז? פְּרֶעג בֶּעסֶער נִישְׁט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזַא גְרוֹיסֶער עוֹלָם! עֶס אִיז מַמָשׁ גֶעוֶוען סַכָּנַת נְפָשׁוֹת! פוּן גְרוֹיס שְׁטוּפֶּענִישׁ אוּן גֶעדְרֶענְג. זָאגְט עֶר אִים: בַּיי

אִין דֶער הַאנְט, אוּן עֶר מַאכְט מִיר פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אִיךְ דַארְף טַאקֶע אִינְגַאנְצְן גְלַייבְּן אִין דֶעם צַדִיק, אוּן דָאס הֵייסְט 'אֱמוּנַת חֲכָמִים'.

וַוייל אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט נֶעמֶען אַזַא גְרָאבּ שְׁטִיק עֶרְד, אוּן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז נָאךְ גֶעוֶוען עֶרְגֶער פוּן אַ נְבֵילָה (עַיֵין וַיִקְרָא רַבָּה א, טו), אוּן דָאס אִיבֶּער אַרְבֶּעטְן, אַז אִיךְ זָאל אַלֵיין וֶועלְן לֶערְנֶען, אָדֶער אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַזַא שְׁוֶוערֶע פְּרוֹי, אוּן אַדַאנְק דֶעם צַדִיק הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט שָׁלוֹם-בַּיִת, בִּיז אִיךְ הָאבּ אִיר אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אִיז דָאס אַ אֱמֶתְ'ער רֶבִּי. אָבֶּער אוֹיבּ מֶען בַּאקוּמְט נִישְׁט קַיין תּוֹרָה, אָדֶער פְּלוּצְלִינְג הָאט מֶען מִיר צוּבְּרָאכְן דִי שָׁלוֹם-בַּיִת, אוּן מֶען הָאט זִיךְ גֶע'גֶט רַחְמָנָא לִצְלָן, זָאלְט אִיר וִויסְן, אַז מֶען נַארְט אַייךְ גוּט אָפּ מִיט אַלֶע מִינֵי דִמְיוֹנוֹת.

## יב.

דָאס גֶעפוּנֶען מִיר בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַז עֶר הָאט אַרוֹיס גֶענוּמֶען דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן

---

אוּנְז אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין סַאךְ מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער עֶס אִיז גֶעוֶוען 'מְחַיֶה נְפָשׁוֹת' ! וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַזַאלֶעכֶע דִיבּוּרִים, וָואס הָאט מִיר דֶערְקְוִויקְט אוּן אוֹיפְגֶעלֶעבְּט.

מִיט יֶעדֶע עֶקְסְטֶערֶע זַאךְ, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט (נוּסַח הַגָדָה שֶׁל פֶּסַח), ׳דַיֵינוּ׳ אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ עֶקְסְטֶער, אוּן מֶען דַארְף דַאנְקֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער דֶערוֹיף, בִּיז מֶען הָאט שׁוֹין בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה, מִמֵילָא דָאס הֵייסְט אֱמוּנַת חֲכָמִים.

לֵיידֶער זֶעהְט מֶען מֶענְטְשְׁן וָואס קְרִיגְן זִיךְ נֶעבֶּעךְ יָארְן מִיט דִי וַוייבּ: אִיךְ וֶועל אִיר לֶערְנֶען ! אוּן דֶערְוַוייל גֵייט אַוֶועק אַסַאךְ טֶעג אוּן יָארְן מִיט גָארְנִישְׁט, נָאר מִיט פּוּסְטֶע מַחְלוֹקֶת אוּן וֵוייטוּנְגֶען, בִּשְׁעַת אוֹיבּ מֶען הָאט וֶוען נָאר אַבִּיסְל שֵׂכֶל וָואלְט מֶען אַלֶעס גֶעקֶענְט פַארְמַיידְן.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיס אֵיינֶעם דְרֵייוְון, זָאגְט מֶען אִים: זַיי קְלוּג אוּן נִישְׁט גֶערֶעכְט ! לְמָשָׁל דוּ זֶעהְסְט אַז אַ מְשׁוּגָע׳נֶער עָרֵל קוּמְט צוּ פָארְן אַקֶעגְן דִיר, דְרֵיי זִיךְ אַוֶועק אִין דֶער זַייט, כָאטְשִׁיג דוּ בִּיסְט הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גֶערֶעכְט, וַוייל דוּ בִּיסְט גֶעפָארְן אִין דַיין לִינְיֶע אוּן עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין דַיין לִינְיֶע, אָבֶּער מִיט דַיין גֶערֶעכְטִיקֵייט וֶועסְטוּ קַיין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָנְקוּמֶען, נָאר עֶר וֶועט אִין דִיר אַרַיינְקְרַאכְן. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְף מֶען דָאס

וְויסְן בַּיי שָׁלוֹם-בַּיִת, אוּן מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ: ״זַיי קְלוּג, נִישְׁט גֶערֶעכְט״.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַהֲרֹן, בְּרֶסְלְבֶ׳ער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ[23], הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט אַ וָוארְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן: אַמָאל דַארְף מֶען גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ! אוּן עֶר הָאט גֶעדֶענְקְט דֶעם דִיבּוּר. אֵיינְמָאל הָאט אִים אֵיינֶער גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן עֶר הָאט יֶענֶעם דֶערְלַאנְגְט אַ פַּאטְשׁ. אָבֶער עֶס הָאט אִים גֶעבַּאדֶערְט אַבִּיסְל פַארְוָואס עֶר הָאט דָאס גֶעטוּהְן, אוּן וְויבַּאלְד דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס תַּלְמִידִים זֶענֶען גֶעוֶועןן זֵייעֶר צוּגֶעבִּינְדְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס הָאט גֶעבַּאדֶערְט הָאט מֶען אִים פַארְצֵיילְט, אִיז עֶר יֶעצְט אוֹיךְ גֶעקוּמֶען אוֹיסְזָאגְן פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אַז עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר הָאט גֶעטוּהְן אַ עַוְולָה אַז עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ אִיד אַ פַּאטְשׁ, אָבֶער - הָאט עֶר צוּגֶעלֵייגְט - אִיךְ בִּין גֶעוֶועןן גֶערֶעכְט. אוּן עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט מַסְבִּיר צוּ זַיין פַארְן רֶבִּי׳ן פַארְוָואס עֶר הָאט דָאס גֶעטוּהְן.

---

[23] וִוי בַּאוואוּסְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מוֹרָא׳דִיג מַפְלִיא גֶעוֶועןן זַיין עֲבוֹדָה אוּן עֶר אִיז גֶעוֶועןן זֵייעֶר גְרוֹיס (עַיֵּין פְּעוּלַּת הַצַּדִיק קנא קנב קנג תתצ״ז וְעוֹד).

## זַיי קְלוּג, נִישְׁט גֶערֶעכְט !

הָאט זִיךְ דִי הֵיילִיגֶע רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: גֶערֶעכְט זָאלְסְטוּ אוֹיךְ נִישְׁט זַיין?! אִיךְ וֵוייס אַז דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט, אָבֶער דָאךְ שְׁלָאגְט מֶען נִישְׁט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעמֵיינְט אַז מֶען דַארְף עֶס טַאקֶע אוֹיסְפִירְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן הָאבְּן הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן.

~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~

# הספר
# הקדוש הזה

נדפס לטובת נשמת בעל מחבר
של הספר הזה מאור עינינו,
חיות נפשינו, עטרת ראשינו, כבוד
קדושת מרן הגה"ק רבי

## אליעזר שלמה

בן רבי

## מנחם זאב

זצוקללה"ה
נלב"ע י"ד שבט תשע"ה

**ת.נ.צ.ב.ה.**

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מורינו **ראש הישיבה** שליט"א

וזוגתו

**אסתר גיטל** תחי',

וילדיהם

**שלמה ומשפ',**

**אלחנן חיים ומשפ',**

**מרים העניא זיסל ומשפ',**

**שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**

**רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל.**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא
ויזכו לרות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם
אמן כן יהי רצון

בס"ד

# פרייליכע
# נייעס!

איר קענט באקומען דעם שטארק
אויפגעכאפטע וועכנטליכע

קרית
ברסלב
בלום




יעדע וואך
ביי אייער
טיר

פאר בלויז
$3.99

תוכנ'דיג און
ציענדיג

וואס איר וועט נישט
טרעפן אין ערגעץ

אדרבה איבערצייגט
אייך אליין

## צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין
אדער שיקט א טעקסט צו:

# 718·387·2691

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

282 • DESIGN | 845.406.4250